Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

20

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 20

אינ קלוב געווענ איז אָנגעהילכט אונ ראשיק,
געשטיגנ האָט דער טומל פונ פארוויַילונגענ אינ דר'הויכ;
דער באלקנ אויסגעזענ האָט כמארעדיק אונ אשיק
פונ אויסגעדאמפטנ שווייס, פונ אָטעמס אונ פונ רויכ.

די ראדיִאָ האָט גרימפלדיק געשפילט דאָרט,
א יעדער קלאנג האָט זיכ געלייגט אונטערנ טראָט;
אונ מיט א פיַערלעכנ שוימיקנ געפילדער
האָט אלע וויַיל געפלאצט א פלאש סיטראָ.

צעשטעלטע טישלעכ פאר שאָכ האָבנ געסקריפעט,
דער ראש האָט זיכ געטראָגנ צווישנ אויערנ אונ ווענט,
אפ שטאנגענ האָבנ צייַטונגענ געשוועבט אונ זיכ געריבנ,
ווי זעגלענ אָנגעצויגענע, — פונ הענט צו הענט.

דער אוילעם האָט זיך אין פארוואַלונגענ צעטיילט.
מיט בייזע קלאָלעס האָט דאָרט זאָל אָפּגעטריבנ פליגנ, —
נאָכ איינער ביז דער טיר געלאָפּנ מיט א פויסט,
ווי מיט א שטיינ.

דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל האָט געטרונקענ הייסנ טיי,
זיכ אָפּגעבריט אונ זיס געקרעכצט פונ פארגעניגנ;
דעם קאָפּ געדרייט, ווענ ס'האָט א זעצ געטאָנ די קליאמקע
אונ ווענ דאָס טישל אונטער אים האָט זיכ גענומענ וויגנ.
דער קירזשנער האָט געפלאקערט אינ א פארטיע דאמקע
אונ אלעמאָל א שטיינ געפּאטערט מיט א ניגנ.

ארומגערינגלט האָט מענ אים, — א קײַלעכיקע ראמ —
געשטאנענ נעבנ אים זײַנע פארטיידיקער געטרײַע,
נאָר ער האָט קיינעם מאכנ ניט געלאָזט קיינ טאראראם,
ווענ זיכ געזעגענענ ז'אים אויסגעקומענ מיט זײַנ כאיל...
ער האָט דאָרט בלויז דעם אויער אָנגענויגט,
עס האָבנ זיכ אים נאָר די שאכטעלעכ געטאָפּלט; —
נאָר ניט ארויסגעלאָזט פונ אויג
האָט ער דעם ייִד פונ מעליטאָפּאָל.

בא יעדנ איינציקנ פארפּושטנ שטיינ
האָט ער זיכ ביזנ ביינ אפּ אימ צעקאָכט דאָרט:
— רעב ייִד! וואָס טרינקט איר אזא פײַערדיקנ טיי?
— רעב ייִד! איר וועט זיכ נאָכ, כאָלילע, אָפּסארפּענ דעם גאָרגל! —
אונ זאָזל האָט פונ טיש צו טישל זיכ גערוקט,
ער האָט געזוכט אנ אָרט פאר זיכ וואָס פרײַער

און זיך אריינגעמישט מיט פּאָנפ: — נישקאָשע, טרינקט!
צו פייער איז די בעסטע סגולה — פייער! —

פון צווייטן צימער האָט זיך צו דער גאס
א הילך א טויבלעכער געריסן;
ס׳איז דאָרט געלעגן אווראָם־הערש אין קאס
און זיך געלערנט שיסן.

דאָ האָבן ביקסנשלעסער שטרענג געקריצט גלייך ווי מיט ציינ,
א וואנט מיט צייכנס האָט געקוקט פון קעגניבער;
דאָ האָט מען בלויז געקוקט, געציילט
און אלץ פארשריבן.

אהער, מיט מיידלעך מונטערדיק קאָדירט,
געשטראָמט האָבן באָכורים בלאנקענדיק און בויגיק;
און פריער,
נאָך איידער צוגעגאנ מ׳איז צו דער טיר,
האָבן אליינ אפ העלפּט זיך אָנגעשפּיצט די אויגן.

ווען ס׳האָט עלקאָנע זיך דערלאנגט
אהער א שטופּ,
האָט ער א ווײַלע אָפּגעלאָזן גלאשען;
פונוויַיטן אויסגעשטרעקט די האנט,
א רוק געטאָן אין דר׳הייך דעם דאשעק,
ארומגעווישט פון היצ דעם שטערן
און זיך געגריסט: — א גאסט אין קלוב!
ווי גייט עס עפּעס, אווראָם־הערש, בא דיר די בוכהאלטעריע? —
ס׳האָט אווראָם־הערש אים ניט געענטפערט.

ער איז געווען אקשאָנעסדיק פארטאָנ
אינ זײַנ ניט קאָנען טרעפנ,
אינ אָנהייבנ א יעדער מאָל פונסנײַ א קאָנ.
צום אקסל ט׳ער די ביקס געדריקט,
גלײַכ ווי אנ אומגעפאלנ פערד פונ בויד דעם דישל,
דאָס אָנטאָנ האָט אפּ אימ געפּלאצט אונ אימ געדושעט.
ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אפּ הינ אונ צריק,
געריבנ מיט דער באָרד אונ זיכ געבעריעט
נ׳ארײַנגעסאפּעט זיכ אליינ: — ס׳א שווערע בוכהאלטעריע! —
געדוכט האָט זיכ, אז עמעצ זאָגט דאָרט שטיל אימ
אונ לייגט עס אימ אזוי ארײַנ אינ מויל:
— ס׳איז גרינגער אָפּזאָגנ דעם גאנצנ טילימ,
ווי איינ מאָל דאָ ארײַנשיסנ א קויל! —

דאָס ערשטע מאָל,
ווענ אווראָמ-הערש געקומענ איז אהער,
האָט ער קיינ גרויסנ כיישעק ניט פארמאָגט
זיכ אָט אזוי צעלייגנ אפּ דער ערד...
ער האָט אליינ צו זיכ געזאָגט,
ער האָט אליינ עס גוט געהערט, —
די אנגלענ האָבנ זיכ געוויגט אליינ,
די ביינער האָבנ זיכ געשמאק אזוי צעסקריפּעט:
— אז כ׳האָב אינ שול זיכ קיינמאָל ניט אזוי צעלייגט,
אפּילע ניט בא דער אווידע אומ יאָנקיפּער! —
אז צו דער גאנצער שטאָט אונ קלויז
געטײַנעט שטענדיק האָט ער:
— אפּ דר׳ערד צי איכ זיכ אויס,
ווענ איכ פאריזנע אינ א בלאָטע! —

און דאָ האָט ער א מעסט געגעבנ גלייַכ דעמ פּאָל,
פונ אָנפאנג נאָר אזוי זיכ. מיט די קני צוערשט.
דערנאָכ אינגאנצנ זיכ צעפלאסטערט מיטאמאָל
נ׳זיכ איידל אויסגעזידלט:
— ס׳איז ניט פאר דיר קיינ ארבעט, אווראָמ־הערש!
ס׳איז ניט קיינ ארבעט, אווראָמ-הערש, פאר יידנ! —

איז דאמאָלט צוגעגאנ צו אימ נעכאמע,
אוועקגעלייגט זיכ שמייכלענד נעבנ אימ;
ס׳האָט זיכ זייַנ קאָפּ א הייב געגעבנ פלאמיק,
און מיט אזא פארכידעשטער און הייזעריקער שטימ
א זאָג געטאָנ: — איר מיינט... איכ שרעק זיכ פאר א דאמע? —

נעכאמע האָט אימ ניט געענטפערט דאמאָלט,
דאָס לינקע אויג האָט זי אפּגיכ פארקלאמערט,
זייַנ האנט א נעמ געטאָנ איניינעמ מיטנ שלאָס,
קיינ איינ מינוט זיכ ניט געלאָזט קיינ איבעריקע זאמענ,
און ס׳האָט זיכ גלייַכ דערהערט אנ אומגעריכטער שאָס,
און באלד האָט פונ דער וואנט
אנ אויסגעברענטע ווונד א ברי געטאָנ אימ...
האָט ער ארויסגעשלעפּט זייַנ האנט
און זיכ צעשמייכלט מיטנ גאנצנ פּאָנעמ...

ער האָט זיכ ניט געריכט,
ס׳זאָל אזוי פּראָסט און קייַלעכיק און רונד זייַנ...
געדרייט דעמ קאָפּ האָט ער צו איר:
זי האָט עס אָפּגעמאמזערט קונציק!..

ס'איז אים אין קאָפּ צעגאנגען זיך דער טראך,
ס'האָט אים אין גאנצן לײַב געטאָן א ברי שוין, —
האָט ער זיך הויך און דונערדיק צעלאכט:
— אָט האָסטו דיר! און איצטער זאָג: שעלוי אָסאני אישאָ!..